# שלום-עליכם

# געצי-גובערנאַטאָר

געצי-גובערנאַטאָר – דאָס איז דער שמש פֿון אַלטן בית-המדרש.

אומעטום, אין אַלע בתּי-מדרשים פֿון דער גאַנצער וועלט, זענען אפֿשר די שמשים – שמשים. געצי דער שמש פֿון אונדזער אַלטן בית-המדרש איז מער בעל-הבית, ווי שמש. וואָס זאָג איך? ער איז בעל-הבית איבער אַלע בעלי-בתּים.

געצי לאָזט נישט פֿירן קיין וועלטן אין בית-המדרש. ער זאָגט, אַז אַ שול איז אַ מקום-קדוש. ווילט איר רעדן געשעפֿט – קאָנט איר גיין אינעם מאַרק. ווילט איר שמועסן פּאָליטיקע – איז דאָ, להבֿדיל, אַ מרחץ. בשום אופֿן וועט איר בײַ אים נישט פּועלן, ער זאָל אײַך לאָזן רעדן אַפֿילו שבת צו אויסנעמעניש. געצי איז אַ ייִד, וואָס לייגט נישט קיין כּבֿוד אויף קיינעם. איר קאָנט אײַך שטיין אויבנאָן אין מזרח-וואַנט און מעגט אײַך האָבן זיבעצן זילבערנע עטרות אויפֿן טלית, ווערט ער פֿאַר אײַך נישט בטל. איר קאָנט אײַך זײַן דער גרעסטער גבֿיר פֿון שטאָט, רב יהושע-העשל אַליין, ווילט איר נאָך אויסרעדן אַ וואָרט, אַזוי דערהערט איר אַ זעץ איבערן שלחן און אַ געשריי „ששש־אַ!" – אַז איר ווערט פֿאַרטויבט.

אָדער פּרוּווט נעמען אַ ספֿר פֿון דער בית-המדרש-שאַפֿע און נישט צוריקברענגען צו דער צײַט, וועט איר האָבן פֿון געצי'ן דעם גרעסטן בזיון.

אָדער זײַט מנדר שבת צו עלית-התּורה אַ חצי פֿונט נרות על הבית-מדרש, אָדער ח"י פּרוטות אויף אָרעמע לײַט, און ווילט נישט אָפּגעבן – זענט איר שוין איין אָנזעצער. סײַדן איר האַלט בײַ עוקר זײַן און אַוועקלאָזן זיך קיין אַמעריקע.

אָדער לאָז עמיצער איינשטעלן זיך שיקן געצי'ן מיט אַ שליחות, וואָס איז נישט שייך מיט בית-המדרש, וועט ער אויסהערן און אַ זאָג טאָן:

– פּיס האָט איר? זײַט זיך מטריח און גייט אַליין! – אָט אַזאַ מענטש איז געצי.

די איינציקע, וואָס דערוועגן זיך אַרויסטרעטן מיט עזות קעגן געצי דעם שמש, איז נאָר יונגוואַרג. טשיקאַווע בחורימלעך, חדר-יונגלעך, קונדסים, שטאָט-שקצים – פון זיי האָט ער דעם טויט. זיי טוען אים, וואָס מע טוט קיין ייִדן נישט: זיי קערען אים איבער די סטענדערס, אַז קיינער זעט נישט. זיי לאָזן אים אַרויס דאָס וואַסער פֿונעם האַנטפֿאַס. פֿאַרקניפּן אים דעם האַנטעך. קאַפּן אים אָן חלבֿ אויף די בית-המדרש-גמרות. רייַסן אַרויס דעם צווייטן „יקום פורקן" פון אַלע קהל'שע סדורים, אַזוי אַז וואָס פֿאַר אַ סדור מע זאָל נישט עפֿענען, איז ער נאָר מיט איין „יקום-פורקן".

פֿון די דאָזיקע ווייסע-חבֿרה'ניקעס האָט געצי אָפּגעשניטענע יאָר, דעם גיהנם! און ער קוקט זיי נאָך, טאָמער וועט ער עמיצן פּאַקן. און האָט ער געפּאַקט אַ חבֿרה-מאַן, רעכנט ער זיך שוין אָפּ מיט אים פֿאַר אַלע. אַרויס פֿון געציס הענט מיט אַ בייַל, מיט אַ בלוי אויג אָדער אָן אַן אויער – הייסט נאָך גוט אָפּגעשניטן. געצי האָט פֿײַנט לאַנגע מחזקות, גבֿית-עדות מיט פּוסטע ספּראַווקעס: אַ נגידס אַ ייִנגל, אַן אָרימער יתום – אויסגעפּאַטשט, פֿאַרפֿאַלן!

געצי קאָן פּאַטשן. אַז ער לאָזט אַראָפּ אַ האַנט, קאָן מען דערזען דעם זיידן פֿון יענער וועלט. אַ ייִד אַ גבֿר (אַ משפּחה פֿון גיבורים), כאָטש אפֿילו אַזוי, אויפֿן קוק, וועט איר פֿאַר אים נישט געבן קיין צוויי צעבראָכענע גראָשן. דאַר, אויסגעטריקנט, הויט און ביינער. נאָר פּאות צוויי גראָבע, שוואַרצע, און אַליין איז ער אַ שוואַרצער, שוואַרץ ווי אַ טאָטער, מיט שוואַרצע אויגן, בייזע, וואָס קאָנען נישט קוקן גלייַך אין פּנים אַרייַן, נאָר אַראָפּ. באַקן אויסגעפֿאַלענע, אַ נאָז אַ פֿאַרלייגטע און וואָנצעס שוואַרצע, אַראָפּגעלאָזטע אַראָפּ. די אַלע זאַכן אין איינעם מאַכן אַן איינדרוק, אַז אָדער ער וויל געבן אַ ניס און קאָן נישט, אָדער ער

האָט אײַך עפּעס צו זאָגן און וויל נישט, אָדער ער איז גלאַט אַ רַע, אַ רשע.

– אַ רשע מרושע! – זאָגט מען אויף אים אין שטאָט. – אַן אײַנגעגעסענע בריאה, אַ ייִד אַ צו-להכעסניק, אַ מה-יעשהניק, האָט נישט אויף זיך קיין אויבערהאַר, טוט וואָס ער וויל. וויל ער עפֿענען די שול – עפֿנט ער. וויל ער פֿאַרמאַכן – פֿאַרמאַכט ער. קומט ווינטער, דאַרף מען זיך אויסציען פֿאַר אים, ער זאָל דורכהייצן דאָס
דאָס בית-מדרש. און אַ מאָל, אַז עס קומט אים אָן, זאָל ער אײַך אָנהייצן, ווי, להבֿדיל, אין אַ באָד.

אַ שטייגער, לאָז אַן אָרימאַן אויסגיין, געצי זאָל אים לאָזן איבערנעכטיקן אין בית-מדרש. „אַ שול איז נישט קיין הקדש!“ – זאָגט ער און טרײַבט אַרויס אין דרויסן אָן אַ טראָפּן רחמנות.

אַז עס קומט די צײַט פֿון ימים-נוראים, פֿירט געצי די ממשלה אין בית-מדרש ביד רמה. האָט ער אויף אײַך געוואָרפֿן אַן אומחן, וועט איר נישט פּועלן בײַ אים, אַז אײַער זון אָדער אײַער איידעם זאָלן זיצן דאָרטן, וווּ איר ווילט; זײַט זיכער, אַז זיי וועלן שוין זיצן דאָרט, וווּ ער וויל. און אַז איר וועט קומען צום גבאי מיט טענות, וועט מען אײַך ענטפֿערן:

– גייט צום גובערנאַטאָר.

דאַרפֿט איר שוין וויסן, אַז דאָס מיינט מען געצי דעם שמש. אין די אויגן זאָגט מען אים „דו“, און הינטער די אויגן רופֿט מען אים „גובערנאַטאָר“.

דאָס אייגענע איז סוכּות מיטן אתרוג. איר ווילט, ער זאָל אײַך ברענגען דעם אתרוג אין סוכּה אַרײַן וואָס פֿריער – אָט דווקא ווײַל איר ווילט, וויל ער נישט; און אַז איר שרײַט אָן אויף אים, שרײַט ער נאָך העכער:

– איר קאָנט וואַרטן! איך האָב אויף אײַך מער געוואַרט!

קומט איר אין שול אַרײַן און שטעלט אים צו אַ בענקעלע פֿאַרן גבאי. זאָגט אײַך דער גבאי:

– וואָס קאָן מען טון מיט אַ גובערנאַטאָר?

און אַזוי איז הושענא-רבה מיט די הושענות. און אַזוי איז חנוכּה מיט די חנוכּה-ליכטלעך, פּורים מיטן גראַגער, פּסח מיט מצה-שמורה, שבֿועות מיט גרינס. אומעטום איז געצי. אַלסדינג איז ביַי געצין אין די הענט. געצי דער שמש פֿירט די גאַנצע שטאָט, געוועלטיקט איבער דער שטאָט.

און די שטאָט ליַידט פֿון אים גלות. די שטאָט ליַידט, כאָטש מע וויל נישט ליַידן. אַ מענטש האָט אַ גאַל. קומט שבת אָדער יום-טובֿ, בין מנחה למעריבֿ, מע קלויבט זיך צונויף אין שול און מע שמועסט. כּל-זמן מע דאַוונט נישט, האָט מען קיין מורה נישט פֿאַרן שמש און מע קאָן שמועסן פֿראַנק און פֿריַי. קומט מען אַרויף אויף גלות-געצי. פֿרעגט מען זיך איינס ביַים אַנדערן: „עד מתי? ביז וואַנען וועט מען טראָגן אויף זיך דעם דאָזיקן גלות?“... און דערביַי בליַיבט מען. וואָס קאָן מען טאָן? עלעהיי אַ רשע אַ גובערנאַטאָר, כאַ-כאַ!

נאָר איין טאָג אין יאָר איז פֿאַראַן, וואָס געצי-גובערנאַטאָר ווערט אויס רשע. נישט קיין טאָג, נאָר אַ האַלבן טאָג . עטלעכע שעה. דאָס איז דער טאָג פֿון ערבֿ יום-כּפּור, באַלד נאָך אין דער פֿרײַיקן דאַוונען, איידער דער עולם וועט קומען אין שול צו דער גרויסער מנחה און זיך לאזן פֿון אים שלאָגן מלקות. דעמאָלט ווערט געצי אויס שמש, אויס גובערנאַטאָר. ער איז אָנגעטאָן יום-טובֿדיק און לויפֿט פֿון שטוב צו שטוב, צעלאָזט די גראָבע שוואַרצע פּאות, איבערבעטן די בעלי-בתּים, זיך מוחל זיַין.

– אַ גוט יום-טובֿ! טאָמער האָב איך אײַך אָנגערירט מיט אַ קרום וואָרט, בעט איך איַיך איבער און ווינטש איַיך אַ חתימה טובֿה.

ענטפֿערט מען אים מיט אַ האַלבן מויל: „גם אתּם, לאָז גאָט מוחל זיַין“. – מע בעט אים זיצן און מען איז אים מכבד מיט לעקעך.

Copyright © 2006 Leonard Prager
All Rights Reserved